בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

במדבר-שבועות תשפ"א
גליון 42



אַייַערֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן טָאג יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ הַקְ', דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּנְזֶער חִיּוּת, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג אִין בִּרְכַּת אַהֲבַת עוֹלָם "וְנִשְׂמַח בְּדִבְרֵי תַּלְמוּד תּוֹרָתֶיךָ וּבְמִצְוֹתֶיךָ לְעוֹלָם וָעֶד, כִּי הֵם חַיֵּינוּ.."

קִינְדֶער, וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וִויל אוּנְז הַיינְט גֶעבְּן דִי תּוֹרָה וָואסְפַארַא פְּלַאץ וָואלְט גֶעוֶוען אַ פַּאסִיגֶע אוּן אַ רִיכְטִיגֶע מָקוֹם דֶערְפַאר? לִכְאוֹרָה אִין עֶפֶּעס גָאר אַ הֵיילִיגֶע פְּלַאץ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל א.ד.ג. אִיז פַארְוָואס טַאקֶע הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה אִין חוּץ לָאָרֶץ אִין אַ פּוּסְטֶער לֵיידִיגֶער פְּלַאץ פוּל מִיט קְלִפּוֹת אוּן מַזִּיקִים וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט: "מָקוֹם נָחָשׁ שָׂרָף וְעַקְרָב".

דֶער תֵּירוּץ עֶנְטְפֶערְט אוּנְז ר' נָתָן אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת (גביות חוב ג') אוּן דָאס אִיז אַ עֶנְטְפֶער פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד. פַאר אַ אִיד וָואס וִויל זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, יֶעדֶער לוֹיט זַיין דַּרְגָּה, לְמָשָׁל, וֶוען אַ אִינְגְל גֵייט אַרוֹיף אַ נַייעֶ כִּתָּה, אָדֶער אַ בָּחוּר נֶעמְט זִיךְ צוּם לֶערְנֶען, אֵיינֶער שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, אָדֶער עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ שְׁטַארְקְן מִיט גוּטֶע מִדּוֹת א.ד.ג - דֶעמָאלְטְס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַ מִדְבָּר סְפֵיקוֹת מִיט בִּלְבּוּלִים, אַלֶע סָארְטְן מְנִיעוֹת אוּן תַּאֲווֹת מִיט טִרְדוֹת א.א.וו.

אָבֶּער וֶוען דֶער אִיד הַאלְט זִיךְ פֶעסְט אָן יֵאוּשׁ אוּן לוֹיפְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי קְדוּשָּׁה, אִיז עֶר דֶעמָאלְטְס זוֹכֶה צוּ אַרוֹיפְגֵיין אַ דַּרְגָּה וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן "קַבָּלַת הַתּוֹרָה", עֶר גֵייט טַאקֶע אַרִיבֶּער נִסְיוֹנוֹת אַזוֹי וִוי אִין אַ מִדְבָּר עֶס אִיז פּוּסְט טְרִיקְן אָן קַיין שָׁאטְן, קַיין טְרָאפְּל וַואסֶער גֶעפִינְט מֶען נִישְׁט דָארְט, אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק בַּאקוּמְט עֶר אַ נַייעֶ תּוֹרָה.

וְוִיאַזוֹי קֶען מֶען טַאקֶע אִין אַזֶעלְכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן שְׁטֵיין

אַזוֹי פֶעסְט קֶעגְן דֶעם אָפֶּענֶעם מוֹיל פוּנֶעם ס"ם? נָאר מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה פוּן זוּכְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אַ אִידִישׁ קִינְד דַארְף זִיךְ מְחַיֶּה זַיין אוּן לוּסְטִיג זַיין אַז מִיר זֶענֶען אוֹיסְגֶעוֶועלְט גֶעוָוארְן צוּ זַיין דֶער בַּאלִיבְּטֶער בֵּן יָחִיד פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן! אִיךְ בִּין אַ בֶּן מֶלֶךְ, אַ קְלֵיינִיגְקֵייט?

דֶערְפַאר פִירְט מֶען זִיךְ טַאקֶע בַּיי אוּנְז צוּ טַאנְצְן שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט צְוִוישְׁן אֵיין תִּיקּוּן אוּן צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַצַ"ל פַארְצֵיילְט אַז אִין אוּמַאן פְלֶעגְט אַ חֵלֶק עוֹלָם זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן אוּן דֶער אַנְדֶערֶער עוֹלָם אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין אַ טֶענְצְל, דֶערְנָאךְ הָאט מֶען זִיךְ גֶעבִּיטְן!

אַוַודְאַי נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ זָאגְן תְּהִלִּים אִין דֶעם טָאג וֶוען עֶס פַאלְט אוֹיס דִי יָארְצַייט פוּן דָּוִד הַמֶּלֶךְ דֶער נְעִים זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל. דֶער תְּהִלִּים אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע הִתְבּוֹדְדוּת וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן נִצָּל וֶוערְן פוּן אַלֶע זַיינֶע שׂוֹנְאִים - דֶער יֵצֶר הָרַע מִיט זַיינֶע חֲיָלוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַז סֵפֶר תְּהִלִּים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד בִּפְרָט, יֶעדֶער מִיט זַיינֶע פְּרִיוַואטֶע מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר אוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, 'הַכֹּל' - אַלֶעס אִיז מְבֹאָר אוּן מְפֹרָשׁ אִין תְּהִלִּים.

דֶער עִיקָּר יְסוֹד פוּן אַלֶע עֵצוֹת וְוִיאַזוֹי זִיךְ מְקָרֵב צוּ זַיין צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז נָאר דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן אַנְדֶערֶע בַּקָּשׁוֹת אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אוּן אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעווִינֶען דִי מִלְחָמָה, אַז מֶען וֶועט שְׁטֶענְדִיג זַיין שְׁטַארְק אוּן פֶעסְט זִיךְ צוּ בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל מִיר שֶׁענְקֶען זַיין גֶענַאד,

המשך אויף זייט 16

## אפאר מינוט צייט
## *א מעשה'לע* פון רבי'נס לייט

**ליין די מעשה אדער קענסטו דאס הערן אויף די טעל-ליין**
**צו הערן: קליגנ אין טעל-ליין און דריקט נומער 2 2**

**אויב דו האסט פארציילט די מעשה ביים שבת טיש, אדער**
**אז די זאגסט אריין דער נמשל (קנעפל 2-3)**
**קענסטו אריין גיין אין גורל דורך דריקן 2-3**

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר וָואס פְּלֶעגְט פַּארְקוֹיפְן סְחוֹרָה. עֶר פָּארְט צוּ זַיין בַּאקַאנְטְן צוּם שְׁטֶעטְל וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אַיינְקוֹיפְן סְחוֹרָה. עֶר הָאט דָארְט זַיין בַּאקַאנְטְן פַאבְּרִיקַאנְט וואוּ עֶר קוֹיפְט גֶעוֶוענְלִיךְ אֵיין זַיינֶע סְחוֹרוֹת.

עֶר קוּמְט אַרַיין צוּם פַאבְּרִיקַאנְט אוּן דֶער פַאבְּרִיקַאנְט גְרִיסְט אִים גְלַייךְ: "אַ גוּט מָארְגְן, אַ גוּט מָארְגְן וָואס הָאסְטוּ הַיינְט צוּ בַּאשְׁטֶעלְן?" אוּן דֶער סוֹחֵר ווִי גֶעוֶוענְלִיךְ בַּאשְׁטֶעלְט אַ גְרוֹיסֶע מָאס סְחוֹרָה פוּן לֶען – בַּד אוּן נָאךְ סְחוֹרוֹת. עֶר שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דִי סְחוֹרָה צוּם וָואגְן אוּן לָאדְנְט אָן דִי סְחוֹרָה אוֹיפְן וָואגְן.

דִי וָואגְן ווֶערְט אָנְגֶעפִּילְט מֶער אוּן מֶער, עֶר בִּינְד אַלֶעס צוּ צוּם וָואגְן אוּן זֶעצְט זִיךְ אַרוֹיף אוֹיפְן פֶערְדְל אוּן מַאכְט זִיךְ גְרֵייט צוּ פָארְן אוֹיפְן וֶועג, עֶר גֶעבְּט אַ שְׁמַייס דֶעם פֶערְדְל וַיִּסָּעוּ.. עֶר הֵייבְּט אָן פָארְן..

וָואס גֵייט פָאר הַיינְט? פֶערְדְל, וָואס שְׁלֶעפְּסְטוּ זִיךְ אַזוֹי שְׁוֶוער, נָא וָואס קְרַאצְטוּ זִיךְ אַזוֹי? אַיי...

אִיךְ מֵיין דֶער פֶערְדְל אִיז גָארְנִישְׁט שוּלְדִיג, אִיךְ הָאבּ הַיינְט אָנְגֶעפַּאקְט דֶעם וָואגְן, נִישְׁט סְתָם אָנְגֶעפִּילְט נָאר אָנְגֶעשְׁטָאפְּט. לָאמִיר אַרָאפְּטַאנְצְן פוּנֶעם וָואגְן זֶען וָואס אִיךְ קֶען דָא טוּן? הַיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אַן עֵצָה וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז דֶער וָואגְן זָאל זִיךְ אָנְהֵייבְּן רִירְן, דִי רֶעדֶער זִיךְ דְרֵייעֶן, פוּן מַיינֶע צָרוֹת בַּאפְרֵייעֶן.

אָה, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶער גֶעדַאנְק! אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַרַיין צוּ מַיין פַאבְּרִיקַאנְט עֶר הָאט דָאךְ אַ גְרוֹיסְן פַאבְּרִיק עֶר וֶועט מִיר זִיכֶער הֶעלְפְן.

עֶר שְׁפַּאצִירְט אַרַיין... זָאג נָאר וָואס קֶענְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִין מַיין פְּרָאבְּלֶעם? יָא, אִיךְ וֶועל דִיר מִיטְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף הֶעלְפְן, לָאמִיך הֶערְן וָואס גֵייט פָּאר? אִיךְ דַארְף הָאבְּן 'סְמָאלֶע' דִי וֵוייסְט וָואס דָאס אִיז? 'אוֹיל', נֶעמְט צוּ שְׁמִירְן אוֹיף דִי רֶעדֶער פוּן מַיין וָואגְן.. נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, דָא הָאסְטוּ וִויפִיל דוּ ווִילְסְט! בְּשֶׁפַע גָדוֹל! עֶר הָאט טַאקֶע אָנְגֶעשְׁמִירְט דִי רֶעדֶער אוּן דִי וָואגְן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן גֶעשְׁמִירְט אָהַא, עֶס פָּארְט אַ מְחַיֶה.

פָארְנְדִיג אוֹיפְן וֶועג אַזוֹי בַּאקְוֶועם, דִי רֶעדֶער מַאכְן נִישְׁט קַיין גֶערוּדֶער, בַּאגֶעגְנְט עֶר זַיין חָבֵר פָארְנְדִיג אִין אַ וָואגְן אַנְטְקֶעגְן אִים, דֶער חָבֵר זַיינֶער זֶעט ווִי זַיין וָואגְן פָּארְט אַזוֹי גֶעשְׁמִירְט מַמָּשׁ עֶס פְלִיט.. גִיט עֶר אִים אַ פְרֶעג: "זָאג ווִיאַזוֹי מַאכְסְטוּ דָאס?" אַ גֶעשְׁמַאק צוּזֶען ווִי דַיין וָואגְן גְלִיטְשְׁט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין אוֹיפְן דִי וֶועגְן, מַיין ווֶעגֶעלֶע שְׁלֶעפְּט אוּן שְׁלֶעפְּט!



יָא, אִיךְ וֶועל דִיר פַארְצֵיילְן דֶעם סוֹד, זָאגְט אִים דֶער סוֹחֵר. דִי זֶעסְט דָארְט דֶעם פַאבְּרִיק? דָארְט הָאבּ אִיךְ אַ נָאנְטֶער חָבֵר דֶער פַאבְּרִיקַאנְט, עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אוֹיל צוּ שְׁמִירְן אוֹיף מַיינֶע רֶעדֶער, דֶערְפַאר פָאר אִיךְ אַזוֹי שְׁנֶעל אוּן גֶעשְׁווִינְד, גֵיי נָאר צוּ אִים עֶר הָאט דִי אוֹיל!

עֶר פָּארְט טַאקֶע צוּ צוּם פַאבְּרִיק, עֶר מֵיינְט נֶעבֶּער אַז דֶער פַאבְּרִיקַאנְט פַּארְקוֹיפְט אוֹיל אוּן נֶעמְט פָאר מַאשִׁינֶען אוּן רֶעדְלֶעךְ... עֶר קוּמְט אַרַיין אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: "זָאג נָאר דִי קֶענְסְט מִיר פַארְקוֹיפְן אַ פְלַאשׁ נֶעמְט 'סְמָאלֶע'?" וָואסֶערֶע סְמָאלֶע ווֶעלְכֶע אוֹיל רֶעדְסְטוּ? וָואס ווִילְסְטוּ?



המשך אויף קומענדיגן עמוד



# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע

פָּארִיגֶע וָואךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם, זַייעֶנְדִיג בַּיי אַ חֲבוּרָה פוּן בַּחוּרֵי אַנַ"ש, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט צוּרִיקְפָארְן קַיין בֵּית שֶׁמֶש, אָבֶּער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען גַאנְץ וַוייט פוּנֶעם בָּאס סְטַאנְצְיֶע, עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דִי לֶעצְטֶע בָּאס אַהֵיים צוּפָארְן. אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט גֵיין זַייעֶר שְׁנֶעל נָאר פַאר דִי אוֹטאָ-בָּאס קוּמְט אָן, בְּשַׁעתְ'ן גֵיין הָאבּ אִיךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל נָאךְ אָנְיָאגְן דֶעם בָּאס.

אַזוֹי לוֹיפְנְדִיג זֶע אִיךְ פוּן עֶפֶּעס אַ קַאר מַיינֶער אַ בַּאקַאנְטֶער אוּן עֶר שְׁטֶעטְל זִיךְ אָפּ, עֶר הָאט מִיר אַרוֹיפְגֶערוּפְן אוּן צוּגֶעפִירְט שְׁנֶעל צוּם סְטַאנְצְיֶע אַזוֹי שְׁמוּעסְ'נְדִיג אוֹיפְן וֶועג זָאגְט עֶר מִיר: "בֶּאֱמֶת וָואלְט אִיךְ יֶעצְט נִישְׁט גֶעדַארְפְט זַיין דָא אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, נָאר פְּרִיעֶר בִּין אִיךְ שׁוֹין דָא אַדוּרְךְ גֶעפָארְן אוּן עֶפֶּעס אִיז אַרוֹיסְגֶעפְלוֹיגְן פוּן מַיין קַאר, בִּין אִיךְ יֶעצְט נָאכְאַמָאל אַרִיבֶּער גֶעפָארְן דֶעם גֶעסְל עֶס אוֹיפְזוּכְן אוּן פּוּנְקְט בעזו"ה דִיר אָפְּגֶעמֶען.

יָא דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ - עֶר הָאט מִיר צוּגֶעשִׁיקְט אַזַא גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה נָאר כְּדֵי אִיךְ זָאל אָנְיָאגְן דֶעם בָּאס, אוּן נָאכְמֶער אִיךְ זָאל אַיינְזֶען אִין זַיין גְרוֹיסְקֵייט אוּן אִים קֶענֶען דַאנְקֶען בְּרַבִּים!

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר דֶעם הֶערְלִיכְן גִּלָּיוֹן וָואס אִיר גֶעבְּט אַרוֹיס יֶעדֶע וָואךְ.

**אברמי**

---

אִיךְ ווִיל דִי זֶעלְבֶּע אוֹיל וָואס דוּ הָאסְט פַּארְקוֹיפְט פַאר מַיין חַבֶר דֶער סוֹחֵר פוּן לֶען!

עֶנְטְפֶעְרט אִים דֶער פַּאבְּרִיקַאנְט: לָאמִיר דִיר מַסְבִּיר זַיין, מַיין פַּרְנָסָה אִיז אַז אִיךְ פַארְקוֹיף לֶען אַלֶע סָארְטְן סְחוֹרוֹת, דַיין חַבֶר קוֹיפְט בַּיי מִיר אֵיין כְּסֵדֶר גְרוֹיסֶע קְוַואנְטוּמְס סְחוֹרָה, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז זַיין וָואגְן שְׁלֶעפְּט נִישְׁט דִי שְׁוֶוערֶע סְחוֹרָה, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאדְנְט, אַרוֹיף אַרוֹיף נָאךְ סְחוֹרָה אוּן נָאךְ, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעשַׁאפְט אוּן גֶעגֶעבְן דִי אוֹיל, אָבֶּער דוּ ווִילְסְט אִיךְ זָאל דִיר גֶעבְן נָאר סְמָאלֶע? אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין סוֹחֵר פוּן אוֹיל אוּן נִישְׁט פוּן סְמָאלֶע, אִיךְ פַארְקוֹיף נִישְׁט קַיין אוֹיל! פַארְשְׁטֵייסְט?

***טַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאגְט אַרַיין דִי נִמְשָׁל וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אִיד וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אִים בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף פַּרְנָסָה?***

---

די געווינער פון די לעצטע פאר וואכן
מען קען הערן די געווינער אויף קנעפל 4

הגרלה פסח חיים ברוך וויצהנדלר, בית שמש
הגרלה חו"ל משה נתן סאנדער, קרית יואל
הגרלה מעשה שבת טיש נתן הורביץ, בית שמש
אח"ק יעקב יוסף אנשין, בית שמש
אמור ישראל יאראוויטש, בית שמש
הגרלה מעשה שבת טיש שלמה אנשין, בית שמש
תפלה ל"ג בעומר נתן רוזנבלאט
בה"ב מנדליאל, בית שמש
בה"ב מאיר ירוחם, ירושלים
מעשה שבת טיש, נתן ויצהנדלר, ב"ש



# דעם רבי'נס נסיעה צוריק פון ארץ ישראל

**איך מוז זיך איינגאנצן אנהאלטן נאר אין אמונה אין באשעפער...**



**אין קורצן פון פריער:**

*דער רבי איז אויפ'ן וועג צוריק פון ארץ ישראל. עס איז געווען דאן א מלחמה און דער רבי איז אריינגעפאלן אין א מלחמה שיף ארומגערנומען מיט ווילדע אראבער. ער האט געהאט אויסצושטיין פול מיט סכנות וואס דער אויבערשטער האט אים כסדר געראטעוועט. נאך פול ניסים איז דער שיף אנגעקומען קיין ראדיש ערב פסח.*

**יעצט ליינט ווייטער:**

ווען דער באגלייטער איז אנגעקומען צו די אידישע קהילה אין ראדיש, האט מען אים באלד אריינגעפירט צום חכם הכולל, און ער האט אים דערציילט אלעס וואס איז מיט זיי געשעהן, אז זיי זענען פארכאפט אין א קריג'ס שיף. ער האט נישט געוואוסט אזוי קלאר וואס צו זאגן, ווייל זיי האבן נישט געוואוסט די פונקטליכע כוונה פון דעם קאפיטאן, וואס ער וויל טוהן מיט זיי, דעריבער האט ער דערציילט נאר בכלליות אז זיי זענען כמעט געפאנגען חס ושלום, און זיי זענען אין א גרויסן געפאר.

וויבאלד עס איז געווען ערב יו"ט פסח, און ער ווייסט אז דער רבי ווארט אים אויפן שיף, איז ער געווען ענג אין צייט, די שעה וואס ער איז געווען ביי דעם חכם הכולל האט אים אויסגעזען לאנג אזוי ווי א פאר שעה, ווייל דער חכם האט זייער געוואלט הערן די נייעס וואס טוט זיך אין די מלחמה, און אלע דראמאטישע מעשיות פון די קריג, און איז נישט געווען פארנומען צו אים העלפן אין זיין נויט. ער האט אים נאר כסדר איבערגע'חזר'ט: "האב נישט קיין מורא", כדי ער זאל אים דערציילן נאך זאכן. דער באגלייטער האט געהאט פון דעם גרויס צער, ביז ער האט שוין געטראכט ביי זיך, צו ארויסגיין קויפן מצות מיט וויין און צוריק גיין אליין צום שיף, ווייל דא זעט ער נישט אז מען קען אים העלפן.

אבער דער הייליגער באשעפער האט אים אריינגעשיקט א גוטער געדאנק, ער האט זיך פלוצלינג דערמאנט אז ווען זיי זענען איינגעשטאנען אין טבריה ביי רבי צבי הארקער אין הויז, האבן זיי געהערט אז זיין פרוי קומט פון א ספרד'ישע משפחה, וואס זענען זייער מיוחס, און זי האט א ברודער אין ראדיש וואס איז באוואוסט אלץ א צדיק און א גרויסער חכם, איז אים איינגעפאלן אן עצה צו גיין צו דעם ברודער דער צדיק, אפשר וועט ער קענען העלפן, אבער ער האט נישט געוואוסט זיין נאמען, נאר די נאמען פון די פרוי פון דעם אויבנדערמאנטער ר' צבי האט ער געדענקט, האט ער פראבירט פרעגן אפשר קענען די מענטשן דארט א חכם וואס האט א שוועסטער אין טבריה? צו זיין פרייד האט מען אים גלייך אריבערגעשיקט צו דעם חכם וואס ער האט געזוכט. די מענטשן ארום האבן שוין אלעס דערציילט פארן צווייטן חכם וואס זיי האבן געהערט פון אים ביים ערשטן חכם, אזוי אז ווי נאר דער מענטש פון רבי'ן איז אריינגעקומען צום חכם האט ער אים גלייך געזאגט: "בארוהיג דיך, האב נישט קיין שום שרעק און מורא! און אלע סיפורי מעשיות וועלן מיר שוין הערן פון דיר אם ירצה ה' ביים סדר נאכט".

דער באגלייטער פון רבי'ן איז געבליבן שטיין איבערראשט, ער האט נישט געחלומ'ט

אז די ישועה וועט קומען אזוי שנעל, אז ער וועט
אפילו זוכה זיין צו האבן וואו צו זיין אויפן סדר. דער חכם האט אים ווייטער געזאגט: "זאלסט וויסן אז מיט דער קאפיטאן האבן מיר שוין אפגעהאלטן און קאנסיפיקירט (מעקל געווען) זיין שיף ביז ווען ער וועט אייך לאזן גיין פריי, און געלט וועט מען אים געבן וויפל ער וועט נאר וועלן. מען דארף דאנקען דעם באשעפער אז ער האט אייך געראטעוועט פון אט דעם פארשוין, מיט אזעלכע געוואלדיגע ניסים ונפלאות, ווייל דער קאפיטאן איז א באוואוסטער גזלן און איז שוין יארן איינגעוואוינט אין זיין רשעות'דיגער וועג. ער שטאמט פון די פינעף סרני פלישתים, און אזוי חתמ'ט ער זיך אונטער. דאס אז אזא רשע זאל לאזן אראפנעמען איינעם צום שטאט איז א געוואלדיגער נס! אבער יעצט האט דער חכם געזאגט, איז נישט דא קיין צייט צו די אלע מעשיות, קום מיט מיר גלייך צום דאקטער ער זאל דיר שנעל אפשערן לכבוד יום טוב.

זיי האבן גענומען דעם באגלייטער פון רבי'ן זיך אפשערן לכבוד יו"ט און האבן אים מכבד געווען מיט קאווע צו טרינקען. אזוי זיצנדיג צוזאמען האבן זיי זיך ווייטער אינטערסירט ביי אים ווער איז דער צווייטער איד וואס געפינט זיך נאך אויפן שיף? האט זיי דער באגלייטער פארגעשטעלט דעם רבי'ן: "האט איר שוין אמאל געהערט פון דעם הייליגן בעל שם טוב?"

"יא!" האט אים דער חכם געענטפערט. דער ספר "תולדות יעקב יוסף" פון פולנאה, באוואוסט אלס דער "בעל התולדות", וועלכער איז געווען א תלמיד פון בעש"ט, איז געווען דארט פארשפרייט, דעריבער האבן זיי געוואוסט פון די גרויסקייט פון בעש"ט.



דער באגלייטער האט אים ווייטער דערציילט אז דער איד וואס געפינט זיך אויפן שיף איז אן אייניקל פון בעל שם, אזוי אויך אן אייניקל פון רבי נחמן הארדנקער, און ער אליין פאר זיך איז אויך א גרויסער חכם אזוי ווי איר וועט שוין אליין זעהן ווען איר וועט זיך טרעפן מיט אים. דער חכם האט זיך זייער שטארק געפרייט דאס צו הערן, און האט צוגעזאגט אז ער האט א דאפלטע שמחה, ווייל נאר צו אויסלייזן א פשוט'ער איד איז א זייער גרויסע מצוה, כל שכן אז דער באשעפער האט אים מזכה זיין צו אויסלייזן א אדם גדול וואס איז נאך אויך מיוחס צו אזעלכע גרויסע צדיקים איז זיכער א גרויסע זכי'. ער האט זיך שנעל צוגעאיילט מיט נאך מענטשן צו ארויספארן צום רבי'ן.

אזוי ווי זיי פארן אויפן וועג, האבן זיי געזעהן אז עס טוט זיך א בהלה אויפן גאס, עס האט זיך געמאכט אין מארק אז צוויי ישמעאלים האבן זיך געקריגט איינער מיט זיין חבר, ביז סאיז געווארן א גאנצע קריג דארט און עס איז געהרג'עט געווארן צווישן זיי עטליכע ישמעאלים. ווי נאר זיי האבן דאס געהערט איז דער חכם שנעל אנטלאפן מיט אלע מענטשן צו זיין חצר מיט שרעק, און אויך דעם רבינ'ס באגלייטער האבן זיי מיטגענומען מיט זיך און האבן זיך צוגעשפארט און פארמאכט אינעם חצר, און נישט ארויסגעגאנגען אויף אפאר שעה, ווייל עס איז א גרויסע סכנה אין אזעלכע צייטן פאר די אידן צו גיין אויפן גאס, זיי האבן זיך דארט באהאלטן.

ווען דער מצב האט זיך בארוהיגט און זיי האבן שוין געוואלט צוריקגיין צום שיף איז שוין געווען צו שפעט, די זון איז שוין אונטערגעגאנגען און סאיז שוין געווארן ליל סדר.

פארזעצונג וועט קומען אי"ה




יוֹם טוֹב שָׁבועות זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ, איז אויךְ אַ גְרויסֶע יוֹמָא דְהִילוּלָא בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, די יָארְצַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְצוּקַ"ל אוֹר שִׁבְעַת הַיָּמִים. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב איז גֶעוֶוען דֶער גְרִינְדֶער פוּן חֲסִידוּת, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ נַייעֶ לִיכְטִיגְקַייט ווי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט שִׂמְחָה, אַז נִישְׁט נָאר די גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים זָאלְן קֶענֶען דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, נָאר אֲפִילוּ הַפָּשׁוּט שֶׁבַּפְּשׁוּטִים, די דָארְפִישֶׁע פָּשׁוּטֶ'ע אִידְן זָאלְן אויךְ הָאבְּן אַ וֶועג ווי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. עֶר הָאט גֶעוִויזְן פַאר אַלֶעמֶען, ווי אַזוֹי עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד און הִיט אוֹיף אִים בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית. אַסַאךְ אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אִין בַּאשֶׁעפֶער און אִין צַדִּיקִים, און פַאר די גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הָאט עֶר גֶעוִויזְן אַ נַייעֶ וֶועג אִין עֲבוֹדַת ה', אִין אֱמוּנָה, אִין תְּפִלָּה, וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַ רַעַשׁ אִין די גַאנְצֶע וֶועלְט.

עֶס איז בַּאוואוּסְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעצוֹיגְן זַיין יִחוּס בִּיז דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, עֶס איז טַאקֶע אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ אַז אויךְ דָּוִד הַמֶּלֶךְ איז נִפְטַר גֶעוָוארְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, יָארְן איז דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט. וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם שִׁידוּךְ פוּן זַיין תַּלְמִיד ר' נַחְמָן הָארָדַאנְקֶער זַצַ"ל הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם גֶעפְּרֶעגְט וָואס וֶועט אִיר מִיר גֶעבְּן פַאר שַׁדְכָנוּת גֶעלְט? ר' נַחְמָן הָארָדַאנְקֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט. הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט אוֹיבּ בַּיי מִיר וֶועט זַיין אַ טָאכְטֶער און בַּיי דִיר אַ זוּהְן וֶועלְן מִיר אַ שִׁידוּךְ טוּן, אָבֶּער ר' נַחְמָן הָארָדַאנְקֶער הָאט נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערוֹיף, עֶר הָאט גֶעטַעֲנֶה'ט פַארְן בַּעַל שֵׁם אַז עֶר איז מְיוּחָס בִּיז צוּ דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם און אַ שִׁידוּךְ וויל עֶר מַאכְן אוֹיךְ מִיט אַ מְיוּחָס, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם הָאט דַאן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען זַיין מְגִלַּת הַיּוֹחֲסִין, און הָאט גֶעוִויזְן פַאר ר' נַחְמָן הָארָדַאנְקֶער אַז עֶר איז מְיוּחָס בִּיז צוּ ר' גַּמְלִיאֵל הַזָּקֵן וָואס איז בַּאוואוּסְט אַז עֶר איז מְיוּחָס בִּיז דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, דַאן הָאט ר' נַחְמָן מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּם שִׁידוּךְ, אַזוֹי אוֹיךְ איז נִתְגַּלָּה גֶעוָוארְן דֶעם יִחוּס פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב.

ר' נַחְמָן הָארָדַאנְקֶער הָאט גֶעהַאט אַ זוּהְן וָואס הָאט גֶעהֵייסְן שִׂמְחָה, שִׂמְחָה איז גֶעוֶוען אַ יָתוֹם, זַיין מַאמֶע איז נִפְטַר גֶעוָוארְן וֶוען עֶר איז אַלְט גֶעוֶוען אַ חֹדֶשׁ, עֶר הָאט זִיךְ אַלֶע יָארְן גֶעהָאדֶעוֶועט אִין די שְׁטוּבּ פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶער בַּעַל שֵׁם הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער אָדְל אַז דָאס איז אַ וואוּיל קִינְד, אָדְל הָאט פַארְשְׁטַאנֶען די טִיפֶערֶע כַּוָּונָה אִין דֶעם דִּבּוּר פוּן אִיר טַאטֶע, און וֶוען אִיר טָאכְטֶער פֵּייגָא איז גְרוֹיס גֶעוָוארְן הָאט זִי גֶענוּמֶען דֶעם וואוּיל'ן שִׂמְחָה פַאר אַ חָתָן, דֶער יוּנְגֶער פָּארְפָּאלְק הָאט בַּאקוּמֶען די דִירָה פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַלֶץ נַדָן, און הָאבְּן דָארְט גֶעווְאוֹינְט, דָאס זֶענֶען די עֶלְטֶערְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵּייְגָא זְצוּקַ"ל, חוּץ פוּן די גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִים אַלֵיין מִצַד עַצְמוֹ, איז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען מְיוּחָס פוּן בֵּיידֶע זַייטְן צוּם נְעִים זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל, דָּוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל חַי וְקַיָּם.



דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט

אִיבֶּערְגֶעלָאזְט תַּלְמִידִים צַדִּיקִים, גְּדוֹלֵי עוֹלָם, ווִי דֶער "תּוֹלְדוֹת" דֶער מֶעזְרִיטְשֶ'ער מַגִּיד, און ר' אַהֲרֹן הַגָּדוֹל מִקַארְלִין, ר' נַחְמָן הָארְדַאנְקֶער, און נָאךְ פִּיל גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, וָואס הָאבְּן אוֹיפְגֶעלוֹיכְטְן דִּי וֶועלְט, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אִין דִּי וֶועלְט אַסַאךְ גֶעוואלְדִיגֶע שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם, וָואס מֶען זָאגְט אִיבֶּער פוּן צַדִּיקִים אַז נָאר צוּ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גְרוֹיסֶע סְגֻלָּה, און אִיז מַמְשִׁיךְ גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת, בַּיי אַסַאךְ אִידְן הָאט מֶען זִיךְ גֶעפִירְט צוּ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן בַּעַל שֵׁם בַּיי סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט עֶטְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן זַיין זֵיידְן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, וָואס הָאט בַּיי אוּנְז אַ גְרוֹיס חֲשִׁיבוּת, ווייל עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז אַ מַעֲשֶׂה וָואס גֵייט אַרִיבֶּער מִפִּי הַשְּׁמוּעָה, אִיז נִישְׁט אַזוֹי קְלָאר אַמָאל פֶעלְט פְּרָטִים אַמָאל הָאט דֶער בַּעַל מְסַפֵּר צוּגֶעלֵייגְט וְכוּ'... אוֹיךְ אִיז אַסַאךְ מָאל צוּמִישְׁט דֶער סֵדֶר, אָבֶּער דִּי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, פוּן זַיין לוֹיטֶערֶע מוֹיל בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה, מִפִּיו יֹאמַר -און ר' נָתָן הָאט דָאס פַארְשְׁרִיבְּן - אִיז מְבֹרָר בְּתַכְלִית הַבֵּרוּר, אִיבֶּערְגֶעזִיפְּט און קְלָאר אָן קֵיין סָפֵק.

"עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: עֶס בְּרֶענְגְט צוּ לוֹיטֶערֶע מַחֲשָׁבוֹת, און אִיז מַמְתִּיק דִּינִים, אָבֶּער מֶען דַארְף ווִיסְן וֶועלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן, עֶס אִיז מְשֻׁנֶּה וֶוער דֶערְצֵיילְט, נִישְׁט יֶעדֶער קֶען דֶערְצֵיילְן, נָאר אֵיינֶער וָואס קֶען אוּנְטֶערְשֵׁיידְן מִיט אַ קְלָארְקֵייט צְווִישְׁן אֱמֶת און שֶׁקֶר, נָאר עֶר קֶען דֶערְצֵיילְן רִיכְטִיג אַ מַעֲשֶׂה פוּן צַדִּיקִים וָואס וֶועט הָאבְּן דֶעם כֹּחַ צוּ דִּי אַלֶע גְרוֹיסֶע הַשְׁפָּעוֹת, וֶוער פוּן אוּנְז קֶען ווִיסְן דִּי סוֹד וֶועלְכֶע מַעֲשֶׂה אִיז רִיכְטִיג צוּ דֶערְצֵיילְן? און ווִי אַזוֹי דָאס צוּ דֶערְצֵיילְן? דִּי סִפּוּרִים פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט דָאס הָאט אַוַדַּאי דִּי סְגֻלָּה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט.

וֶועלְן מִיר דָא אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אַפָּאר מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן בַּעַל שֵׁם, רוֹב מָאל הָאט דָאס גֶעהַאט אַ פַארְבִּינְדוּנְג צוּ אַ גֶעווִיסֶע נוֹשֵׂא וָואס אִיז דֶעמָאלְס גֶעוֶוען, אָדֶער אַ תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְס מְגַלֶּה גֶעוֶוען.

**עַל-יְדֵי סִפּוּרֵי-מַעֲשִׂיּוֹת שֶׁל צַדִּיקִים מַמְשִׁיכִין אוֹרוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ בָּעוֹלָם, וְדוֹחֶה הַרְבֵּה חֹשֶׁךְ וְצָרוֹת מִן הָעוֹלָם**

## דֶער בַּעַל דַּרְשָׁן

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַמָאל אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִין דִּי שְׁטָאט בְּרָאד, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע קְהִלָּה פוּן חֲסִידִים וָואס הָאבְּן אוֹיפְגֶענוּמֶען בְּכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם, עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אֵיינֶער אַ גְבִיר פוּן שְׁטָאט, דֶער גְבִיר הָאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ גְרוֹיסֶע טִישׁ, און עֶס זֶענֶען גֶעזֶעצְן בַּיים טִישׁ שַׁבָּת אַסַאךְ חֲשׁוּ'בֶע אִידְן, וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַזוֹי ווִי דֶער שְׁטֵייגֶער וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַדִּיק אִין דִּי שְׁטֶעטְל, דִּי חֲשׁוּבִים זֶענֶען גֶעזֶעצְן אוֹיבְן בַּיים טִישׁ, אוּנְטְן פוּן טִישׁ זֶענֶען גֶעזֶעצְן דִּי פָּשׁוּטֶ'ע אִידְן וָואס זֶענֶען אוֹיךְ גֶעקוּמֶען צוּם טִישׁ.



בילד: רעכטס מעזיבוש, לינקס דער קלויז אין בראדי

צְווִישְׁן דִּי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעזֶעצְן אוּנְטְן בַּיים טִישׁ אִיז אוֹיךְ גֶעזֶעצְן אֵיינֶער אַ בַּעַל דַּרְשָׁן, (אֵיינֶער וָואס רֶעדְט דְּרָשׁוֹת פַארְן צִבּוּר) דֶער דַּרְשָׁן הָאט גֶעגֶעסְן זֵייעֶר פִּיל, פוּן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעשְׁטֶעלְט צוּ עֶסְן אוֹיפְן טִישׁ הָאט עֶר גֶעגֶעסְן נָאךְ און נָאךְ, דִּי חֲסִידִים אַרוּם הָאבְּן גֶעקוּקְט אוֹיף אִים מִיט אִינְטֶערֶעס, ווִיפִיל דַארְף עֶר עֶסְן? דֶער עוֹלָם הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֶעבְּן,

המשך קומענדיגן עמוד

און אויסשְׁטְרֶעקְן אַסאַךְ טֶעלֶער׳ס מִיט עֶסְן צו טְרֵייבְּן פון אִים לֵיצָנוּת, חוֹזֵק מַאכְן פון אִים, וַוייל עֶר עֶסְט אַזוֹיפִיל, אָבֶּער דֶער דַרְשָׁן הָאט גֶעטוּן זַיינְס, און זִיךְ גָארְנִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט פון זֵיי, נָאר מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ עֶסְן אַלֶעס וָואס זֵיי הָאבְּן אִים צוּגֶעשִׁיקְט, אַסַאךְ מֶער וִוי אַ מֶענְטְשׁ קֶען עֶסְן נָארְמַאל. לְמָשָׁל פִּישׁ וָואס דֶער דֶרֶךְ הָעוֹלָם אִיז אַז צְוֵויי מֶענְטְשְׁן עֶסְן אֵיין שְׁטִיקְל, הָאט עֶר אַלֵיין גֶעגֶעסְן צְוֵויי גַאנְצֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פִּישׁ! אַזוֹי אוֹיךְ דִי זַאפְּט הָאט עֶר גֶעגֶעסְן אַ גַאנְצֶע שִׁיסְל פַאר זִיךְ, א. א. וו. אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעלַאכְט פון אִים און צוּגֶערוּקְט צוּ אִים אַלֶע שִׁיסְלֶעך עֶסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן טִישׁ, צוּ לֵיצָנוּת מַאכְן פון אִים אַז עֶר עֶסְט אַזוֹיפִיל.

שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן פון אִים עֶר זָאל זֵיי זָאגְן תּוֹרָה בַּיים טִישׁ, בֶּאֱמֶת אִיז זֵייעֶר כַּוָונָה גֶעוֶוען נָאר צוּ חוֹזֵק מַאכְן פון אִים, עֶר זָאל זָאגְן תּוֹרָה בַּיים טִישׁ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זַצַ״ל זִיצְט אוֹיבְן אָן, אָבֶּער דֶער דַרְשָׁן אִיז גֶעגַאנְגֶען בִּתְמִימוּת און הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תּוֹרָה פַאר זֵיי, אָבֶּער דִי מֶענְטְשְׁן אַרוּם הָאבְּן גֶעלֵייגְט דִי הַאנְט אוֹיפְן מוֹיל און זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעלַאכְט פון אִים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר אוֹיגְן מָאדְנֶע און לַאכֶעדִיג און זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט פון אִים אַ גַאנְצֶע גֶעלֶעכְטֶער.

דֶער בַּעַל דַרְשָׁן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז זֵיי לַאכְן פון אִים וַוייל עֶר הָאט גֶעגֶעסְן אַסַאךְ, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן און גֶעזָאגְט: **״אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן תּוֹרָה, טָאר מֶען שׁוֹין נִישְׁט עֶסְן אַ שְׁטִיקְל פִּישׁ?״** אַזוֹי אַרוּם הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב בַּאמֶערְקְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס הָאט זִיךְ גֶעטוּן בַּיים טִישׁ, עֶר



הָאט גֶעזֶעהְן מִיט זַיינֶע לוֹיטֶערְן בְּלִיק דֶעם גַאנְצְן עִנְיָן, עֶס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט, עֶר הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דִי חֲסִידִים וָואס הָאבְּן דָאס גֶעטוּן, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי תּוֹרָה פון דֶעם בַּעַל דַרְשָׁן, עֶס הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפָאלְן, שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט אַז דֶער דַרְשָׁן זָאגְט אִיבֶּער תּוֹרָה מִפִּי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא ז״ל (ד.מ. אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן תּוֹרָה פון אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָכוּר לַטּוֹב).

דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, און הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט: אַז דִי זַאךְ וָואס דֶער בַּעַל דַרְשָׁן הָאט גֶעזָאגְט: ״אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן קַיין תּוֹרָה טָאר מֶען נִישְׁט עֶסְן אַ שְׁטִיקְל פִּישׁ?״, דָאס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן. נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה וָואס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן תִּנְיָנָא סִימָן ל״ב: ״יֵשׁ צַדִּיקִים גְּנוּזִים שֶׁיּוֹדְעִים תּוֹרָה נִפְלָאָה וְהֵם גְּנוּזִים מִן הָעוֹלָם״, עֶס אִיז דָא בַּאהַאלְטֶענֶע צַדִּיקִים וָואס וֵוייסְן צוּ זָאגְן אַ ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען בַּאהַאלְטְן פון דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער דַרְשָׁן וָואס הָאט גֶעזָאגְט אַ ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה אָבֶּער עֶר אִיז בַּאהַאלְטְן וַוייל דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעלַאכְט פון אִים.

פון דֶעם קֶען יֶעדֶער נֶעמֶען פַאר זִיךְ אַ מוּסָר הַשְׂכֵּל קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלַאכְן פון קַיין שׁוּם אִיד אֲפִילוּ עֶר זֶעהְט אוֹיס מָאדְנֶע אָדֶער אִינְטֶערֶסַאנְט, וַוייל מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בֶּאֱמֶת.

(חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן נ״ב)

## דִי לִיכְט פון הֶלֶב

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַמָאל גֶעשְׁטַאנֶען גְרֵייט צוּ דַאוֶונֶען, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְהוֹיבְּן, סְאִיז אִים גֶעפַאלְן אִין גֶעדַאנְק אַ בִּלְבּוּל וָואס הָאט אִים צוּטוּמְלְט דָאס דַאוֶונֶען, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז אַזוֹי וִוי עֶר רֵייכֶערְט אַ לוּלְקֶע (אַלְטֶע

סָארְט סִיגַאר) בַּיי דִי חֵלֶב לִיכְט, אִיז עֶר אֶפְשָׁר נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט אַ אִסוּר חֵלֶב, (בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גָארְנִישְׁט קַיין שׁוּם אִסוּר, נָאר דֶער בַּעַל דָּבָר הָאט אִים גֶעוָואלְט פַּארְמִישְׁן זַיין הֵיילִיגֶע תְּפִלָּה) וְויִפִיל דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעוָואלְט אַוֶועקְנֶעמֶען דִי מַחֲשָׁבָה פוּן זִיךְ אוּן אָנְהוֹיבְּן דַאוֶונֶען, אִיז אִים עֶס נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן צוּמִישְׁט אֶפְשָׁר אִיז עֶר עוֹבֵר אַ גְרוֹיסֶע אִסוּר פוּן דִי תּוֹרָה,?!

אַזוֹי אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעשְׁטַאנֶען אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל צוּם בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶעס מָאל אִיז אִים גֶעקוּמֶען דִי מַחֲשָׁבָה אוּן צוּטוּמְלְט "אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ עוֹבֵר אוֹיף אַ אִסוּר חֵלֶב?" בִּיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּן אָרְט, אוּן זִיךְ בַּאשְׁוואוֹירְן, אַז עֶר גֵייט אֵייבִּיג רֵייכֶערְן דִי לוּלְקֶע בַּיי דִי חֵלֶב לִיכְט! דֶעמָאלְס אִיז דִי מַחֲשָׁבָה אַוֶועק, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעקֶענְט אָנְהוֹיבְּן צוּ דַאוֶונֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט כְּדֵי צוּ גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דֶער בַּעַל דָּבָר קוּמְט אוֹיף יֶעדְן אִיד בִּשְׁעַת עֶר גֵייט דַאוֶונֶען, אוּן וִויל אִים שְׁטֶערְן זַיין תְּפִלָּה, מִיט אַלֶע סָארְט פְרֶעמְדֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַמָאל קוּמְט עֶר אוֹיךְ מִיט אַ פְּרוּמְקֵייט אַז אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג, אָדֶער נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין אַן עֲבֵירָה א.ד.ג.... עֶר וִויל אִים נָאר מוֹנֵעַ זַיין פוּן צוּ דַאוֶונֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן קֶעגְן אִים, זִיךְ נִישְׁט וְויסְנְדִיג מַאכְן זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אִיךְ גֵיי דַאוֶונֶען...

(חַיֵּי מוֹהֲרַן תקנב)

### אַ מַחֲשָׁבָה פוּן גֵאוּת

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעדַאוֶונְט אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיין הֵיילִיגֶע חֶבְרַיָה, זֵיי הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט בְּכֹחַ, מִיט זֵייעֶר גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת אַזוֹי וִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען, צוּ דַאוֶונֶען מִיט אַ בְּרֶען. נָאכְן דַאוֶונֶען הָאבְּן זֵיי בַּאמֶערְקְט אַז זֵייעֶר רֶבִּי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז עֶפֶּעס נִישְׁט צוּפְרִידְן, זַיין פָּנִים אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל בֵּייז, שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי אוּן גֶעזָאגְט:

"אִין דִי צַייט וָואס אַייךְ הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט אַזוֹי שֵׁיין, הָאט דֶער בַּעַל דָּבָר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אַייךְ מַחֲשָׁבוֹת פוּן גַּאֲוָה, אַז עֶנְק זֶענֶען מִתְפַּלֵּל מִיט אַ דְּבֵיקוּת אוּן הִתְלַהֲבוּת צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶס אִיז נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן אִין הִימְל אַ גְרוֹיסֶער קִטְרוּג אוֹיף עֶנְק וֶועגְן דֶעם, אוּן אִיךְ הָאבּ מִיר אַסַאךְ גֶעפְּלָאגְט דָאס צוּ מַמְתִּיק זַיין."

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט כְּדֵי צוּ אוֹיפְקְלֶערְן וְויִפִיל מֶען דַארְף בֶּעטְן אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער נִצֵּל צוּ וֶוערְן פוּן גֵאוּת וָואס דֶערְוַוייטֶערְט אַ מֶענְטְשׁ פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "תּוֹעֲבַת ה' כָּל גְּבַהּ לֵב" ווַייל סְ'קֶען זַיין אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין רֵיין פוּן תַּאֲווֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אָבֶּער עֶס בְּלַייבְּט אִין אִים אַ בַּאהַאלְטֶענֶע גַּאֲוָה אִין הַארְץ חַס וְשָׁלוֹם. דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי דָאס דֶערְצֵיילְט כְּדֵי מֶען זָאל וִויסְן וְויִפִיל מֶען דַארְף מַרְבֶּה זַיין תְּפִלָּה אוּן תַּחֲנוּנִים בִּיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, אוּן מְבַטֵּל זַיין דִי גַּאֲוָה פוּן הַארְץ אוּן וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ עֲנָוָה בֶּאֱמֶת.

(שִׂיחוֹת הר"ן שח)

### ווידוי דברים פארן צדיק

א תלמיד פון בעל שם טוב איז געלעגן זייער קראנק און אפגעשוואכט אין בעט ל"ע, זעענדיג זיין שווערן צושטאנד האט ער געבעטן פון זיין ידיד וואס איז אויך געווען א תלמיד פון בעש"ט ער זאל צופארן צום רבי'ן דער בעל שם טוב און בעטן פון אים ער זאל קומען צו אים, וועגן ער ליגט זייער קראנק.

דער שליח איז באלד ארויסגעפארן און איבערגעגעבן די ווערטער פארן בעש"ט, דער בעש"ט האט צוגעשטימט, און זיי האבן זיך באלד ארויסגעלאזט צוזאמען אויפן וועג, צו פארן צום



המשך
עמוד 12

לכבוד דעם הייליגן יום טוב שבועות לאמיר כאפן א שטיקל שפאציר אין די הייליגע ליכטיגע שיחות פונעם רבי'ן און זען וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז און איז אונז מחנך צו עוסק זיין אין די הייליגע תורה, און די אופן ווי אזוי און וואס צו לערנען.

שיחה י"ז: דער רבי האט אמאל געזאגט פאר איינעם: "פארוואס זאלסטו נישט לערנען? וואס וועסטו דערלייגן? דו וועסט דאך באקומען עולם הבא פארן לערנען! דאס דארף מען דאך נישט זאגן אז אויב די תורה ווייזט ארויס איר אהבה פאר איינעם דארף מען שוין גארנישט אויף דער וועלט, אפילו נישט עולם הבא נאר די תורה אליין!



שיחה י"ט: דער רבי האט געזאגט: איך האב געהאט חשק צו ממשיך זיין די וועלט צו עשיה, דאס מיינט אז יעדער זאל זיך מאכן א חיוב צו לערנען כך וכך יעדן טאג. אפילו מענטשן וואס ליגן געבעך פארזינקען אין זייערע עבירות אויב זיי וועלן זיך קובע זיין א חיוב צו לערנען אזויפיל תורה יעדן טאג, וועלן זיי זיכער זוכה זיין ארויסצוגיין פון אלע זייערע שלעכטס'ס דורך די תורה, ווייל די כח פון תורה איז מורא'דיג גרויס.

שיחה כ"ו: דער רבי האט אונז מחזק געווען צו לערנען אפילו מ'שפירט אז מען פארגעסט וואס מ'לערנט. ווייל דער אויבערשטער באצאלט אויף יעדן טאג וואס מען לערנט אפילו מ'פארגעסט. לעתיד וועט מען דערמאנען דעם מענטש אלעס וואס ער האט געלערנט, אויך די תורה וואס מ'האט געהערט פונעם צדיק און נישט פארשטאנען דא, וועט מען אין עולם הבא זוכה זיין צו פארשטיין! וואויל פאר דער וואס פארברענגט זיינע טעג מיט תורה ועבודה!

שיחה כ"ג: ס'איז א גרויסע רחמנות אויף די מענטשן וועלכע קומען ארויף אויף יענע וועלט אן קיין שום לבוש, א בגד פון תורה ומצוות, ווייל נאר דורך תורה ומצוות האט מען קליידונג אויף יענע וועלט.

דער רבי האט זיך דאן אנגערופן: "וואויל פאר דער וואס איז זוכה צו עסן אפאר פרקים משניות און טרינקען אפאר קאפיטלעך תהלים און זיך אנטון מיט אפאר מצוות!

שיחה כ"ח: ס'איז ראוי אז א מענטש ווילאנג ער לעבט זאל אריבער גיין אויף אלע הייליגע ספרים, כדי ער זאל אויף יענע וועלט קענען זאגן אז ער איז געווען אין די אלע פלעצער אין די אלע ספרים

שיחה כ"ט: דער רבי האט זייער געווארנט מען זאל לערנען "פוסקים" צו לערנען אלע פיר חלקים פון שלחן ערוך אויפן סדר, אויב מען קען איז בעסער מיט די מפרשים אויב נישט זאל מען לכל הפחות לערנען מיט באר היטב.

אויב מען האט נישט קיין צייט זאל מען לכל הפחות לערנען איין סעיף שלחן ערוך אפילו נישט אויפן סדר, ווען ער וועט האבן צייט זאל ער לערנען ווייטער אויפן סדר ווי מ'האלט.

שיחה ס"ב: אויב די מחשבה איז זיך מצמצם צו טראכטן פון איין זאך האט עס א גרויסע כח צו פועל'ן עס זאל טאקע אזוי געשען - אזוי אויך ביים לערנען תורה, אויב א מענטש וועט זיך מאכן א סדר אין מח וויפיל ער וויל אניאגן און ער וועט גלוסטן צו דעם און אסאך טראכטן פון דעם, וועט ער טאקע זוכה זיין עס זאל זיין אזוי!

שיחה ע"ו: די הייליגע שיחה איז א מורא'דיגע יסוד אין דרך הלמוד וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז וויאזוי א איד קען לערנען מיט א חשק און זריזות און נישט ווערן מבלבל בשעת'ן לערנען פון איין ענין צום צווייטן, נאר בפשיטות זען צו פארשטיין וואס מען לערנט אויפן פלאץ און אויב מאכט זיך צומאל אז מען פארשטייט נישט זאל מען נישט בלייבן שטיין צו לאנג נאר לערנען ווייטער, ווייל געווענליך וועט עס קלאר ווערן שפעטער אויב מען לערנט ווייטער בזריזות.

דער רבי זאגט דארט אז מען זאל זאגן די דיבורי התורה כסדר און מען וועט ממילא פארשטיין. דער עיקר איז נישט צו מבלבל זיין דעם מח ביים אנהייבן לערנען צו וועלן תיכף פארשטיין וואס דאס איז גורם אז מען שטעלט זיך אפ און מ'פארשטייט גארנישט, מען דארף נאר אריינלייגן די מח אינעם לערנען און ווייטער גיין בזריזות אזוי וועט מען ממילא פארשטיין!

אזוי קען יעדער איד אריבערגיין די גאנצע תורה. עס איז כדאי צו לערנען גוט די שיחה און זען וויאזוי איך קען פאלגן דעם הייליגן רבי'ן זיך אנהייבן באנייען מיט חשק אין די הייליגע תורה.

המשך קומענדיגן עמוד

אָה! אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי ר' נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי תּוֹרָה הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אָבֶער דִי אוֹיפְן פוּן קִיּוּם הַתּוֹרָה הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן!!
"וואוֹיל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין דִי תּוֹרָה, וַוייל עֶס אִיז דָא אַ זִיסְקֵייט אִין דִי תּוֹרָה, דֶער עִיקָר אִיז צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי נְעִימוֹת וָואס לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה" (סוֹף תּוֹרָה ע"א ח"ב).

# קעסטל רעטעניש

שבועות ביינאכט זאגן מיר דעם תיקון ליל שבועות - וואס דער אר"י הקדוש האט צאם געשטעלט פון אלע חלקי התורה

**אין דעם קעסטל איז צו שפרייט אסאך נעמען פון די הייליגע תורה - מ'קען עס טרעפן - גלייך - אראפ - קרום**

| | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א | מ | ב | ר | י | י | ת | א | ג | א | ו | נ | י | מ |
| ס | פ | ר | ה | מ | י | ד | ו | ת | א | ת | ה | נ | ו |
| י | ת | נ | א | ג | ד | ה | מ | ג | י | ל | ו | ת | ל |
| פ | ש | ל | ח | נ | ע | ר | ו | כ | ל | י | כ | ל | ק |
| ו | כ | ס | ף | ו | ר | א | ש | ו | נ | י | מ | ז | ו |
| ר | ו | י | ק | ר | א | ל | ג | ה | ב | ו | א | ב | ט |
| י | ב | מ | ד | ב | ר | ק | מ | ש | נ | י | ו | ת | י |
| מ | ק | ב | ל | ה | ת | ו | ר | ה | נ | י | מ | ו | ת |
| ע | ד | ר | ק | ט | ו | ט | א | ח | ו | מ | ש | ס | פ |
| ש | ב | א | ו | ח | ס | י | ד | ו | ת | א | ב | פ | י |
| י | ר | ש | ט | ז | ו | מ | ת | ו | מ | ח | ר | ת | ל |
| ו | י | י | י | ג | ו | ו | ל | י | מ | ר | ו | א | ו |
| ת | מ | ת | ה | ת | ש | ה | ב | ע | ו | ו | ל | מ | ת |
| א | ב | ב | ל | י | י | ר | ר | נ | י | נ | ס | ד | ה |
| ר | א | ל | כ | א | ב | נ | ב | י | א | י | מ | ר | ל |
| מ | י | ר | ו | ש | ל | מ | י | ק | ו | מ | מ | ת | י |
| ו | ר | ה | ת | ש | מ | ו | ת | ת | ק | ו | נ | י | מ |

## טרעף די ווערטער

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| בראשית | תורה | מגילות | בבלי | תקונים | שלחן ערוך | לקוטי מוהר"ן |
| שמות | חומש | משניות | ירושלמי | קבלה | אחרונים | ספר המידות |
| ויקרא | נביאים | ברייתא | אגדה | מדרש | חסידות | ספורי מעשיות |
| במדבר | תהילים | תוספתא | זוהר | גאונים | מוסר | לקוטי הלכות |
| דברים | | גמרא | | ראשונים | | לקוטי תפילות |

**פון אלע איבעריגע אותיות וואס איז דיר ארויס געקומען?**

______________________________________________

**וואו שטייט דאס?** ______________ **און ווער האט דאס געזאגט פאר וועמען?** ______________________

**המשך פון עמוד 9**
תלמיד וואס ליגט קראנק.

אויפן וועג ווען זיי זענען געפארן, האט דער תלמיד דער שליח געפרעגט זיין רבי'ן: אזוי ווי איך האב געהערט פון אייך תורה, אז אויב איינער האט אמת'דיג תשובה געטון אויף זיינע עוונות, גייט ער נישט אוועק פון די וועלט פאר די צייט, און יעצט דריקט מיר אויפן הארצן א שאלה וועגן דעם, ווייל דער חסיד וואס ליגט יעצט קראנק, און מיר פארן צו אים, איז באוואוסט פאר א צדיק און א ערליכע איד, וויפל איך ווייס האט ער באמת תשובה געטוהן אויף זיינע אלע עבירות, און יעצט ליגט ער אזוי קראנק, און עס זעהט נישט אויס אז ער דרייט זיך ארויס פון דעם, ער איז נאכנישט אזוי אלט, אזוי אז עס זעהט נישט אויס אז עס איז שוין געקומען זיין צייט צו גיין פון דער וועלט, שטעלט זיך מיר די פראגע ווי אזוי קען דאס זיין? פארוואס ווערט ער נישט אויסגעהיילט?!

דער הייליגער בעל שם טוב האט צוגעהערט די ווערטער פון תלמיד, און האט אים באלד געענטפערט: אמת אזוי האב איך טאקע געזאגט, און באמת אזוי איז דאס, עס איז אויך אמת אז דער תלמיד האט אינגאנצן תשובה געטון באמת אויף אלע זיינע זינד, דאס וואס דו זעהסט אז ער איז נישט אויסגעהיילט געווארן, איז נאר ווייל ער האט זיך נאכנישט מתוודה געווען פאר א אמת'ער צדיק! (מתודה זיין מיינט אז מען דערציילט פארן צדיק אלע נישט גוטע זאכן און עבירות וואס מען האט געטון ביז היינט) און דאס וואס איך פאר צו אים איז נאר כדי ער זאל זיך מתודה זיין פאר מיר, און דו וועסט זעהן, האט דער בעש"ט ממשיך געווען, אויב וועט ער זיך מתודה זיין פאר מיר זיינע זינד, וועט ער באלד געזונט ווערן אינגאנצן, אבער אויב וועט ער נישט וועלן זיך אויסרעדן פאר מיר זיינע חטאים, וועט די קרענק זיך תיכף שטארקן, און ער וועט אנהויבן שרייען אוי וויי אויף זיינע אלע גלידער, ביז ער וועט רח"ל אוועקגיין פון די וועלט.

ווייל באמת האט דער בעל שם טוב מסביר געווען פארן שליח, אין בית דין של מעלה איז נישט דא אויף אים קיין שום דין אויף קיין שום שלעכט'ס, ווייל ער האט באמת געענצליך תשובה געטוהן אזוי ווי ס'דארף צו זיין, אויך נאך זיין פטירה וועלן די חיצונים נישט האבן קיין שום שליטה אויף אים, ווייל ער האט אלעס אמת'דיג פאראכטן, עס איז נאר געבליבן די וידוי וואס ער דארף זאגן פאר מיר, אויב וועט ער דאס טוהן וועט ער אויסגעהיילט ווערן, און אויב נישט, האבן נאך די חיצונים א כח אים צו שלעכט'ס טוהן אביסל נאר אויף די וועלט, ביז זיין פטירה.

וכך הווה אזוי איז געווען, דער בעל שם טוב זכרונו לברכה איז געקומען צום קראנקן תלמיד, און האט אים געזאגט מיט דעם לשון: זאג מיר וואס דו ווייסט, און הקדוש ברוך הוא ווייסט, און איך ווייס אויך" ד.מ. ער זאל זיך מתודה זיין אויף זיינע חטאים, אזוי האט ער אים געזאגט דריי מאל, אבער דער תלמיד האט נישט געוואלט זאגן, אזוי ארום איז שווער געווארן די קרענק אויף דעם חולה, און ער האט אנגעהויבן צו שרייען און וויינען אוי וויי... אזוי ווי דער בעש"ט האט געזאגט ביז ער איז נסתלק געווארן.

די מעשה האט דער רבי דערציילט פארן מגלה זיין די תורה "אנוכי" (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן ד'), וואס דארט רעדט ער ארום וועגן די גרויסקייט פון וידוי דברים פאר א אמת'ער צדיק, וואס איז א געוואלדיגע תיקון פארן מענטש, אויסרעדן און דערציילן וואס מען האט נישט גוט געטוהן קעגן דעם באשעפער, פארשטייט זיך די ווידוי איז דווקא פארן גרויסן צדיק האמת.

ביז היינט פירן זיך אנשי שלומינו צו מאכן וידוי דברים יעדעס מאל ווען מען קומט צום רבינ'ס ציון, בפרט ערב ראש השנה.

(חיי מוהרן נח)



# שבועות ביים הייליגן רבי'ן




טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, דֶער הֵייליגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת קוּמְט שׁוֹין אָט אָט צוּגֵיין מִיר וֶועלְן אַבִּיסְל אַרוּמְרֶעדְן וִוי אַ קְלֵיין טְרָאפֶּעלֶע פוּן גְרוֹיסְן יַם וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן בַּיי אוּנְזֶער הֵייליגֶער לֶעכְטִיגֶער רֶבִּי אִין יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

אִינֶעם קְלֵיינֶעם בֵּית מִדְרָשְׁ'ל אִין שְׁטָאט זַאסְלַאב, דָאס שׁוּלְ'כְל וואוּ עֶס פְלֶעגְן דָארְט דַאוֶוענֶען דִי שְׁנַיידֶערְ'ס פוּן דִי שְׁטָאט, אַזוֹי וִוי עֶס פְלֶעגְט זַיין אִין יֶענֶע צַייטְן – עֶס הָאט זִיךְ נָאךְ אַזוֹי גֶעצוֹיגְן בִּיז פַאר דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה אִין שְׁטָאט אוּמַאן אוֹיךְ - אַז אִין דִי שְׁטֶעטְלֶעךְ פְלֶעגְט זַיין אַן עֶקְסְטֶערְן שׁוּל פַאר שְׁנַיידֶערְס, שׁוּסְטֶערְס, טְרֶעגֶערְס א.ד.ג.

עֶס אִיז אַפָּאר טֶעג פַאר שָׁבוּעוֹת, עֶס הַאלְטְן אִין אֵיין צוּקוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ חֲסִידִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְכֶע ווילְן זַיין אִין אֵיין שָׁאטְן מִיטְן הֵייליגְן רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב. דֶער רֶבִּי הָאט גְרַאדֶע יֶענֶעם יָאר בַּאפוֹילְן פַאר זַיינֶע חֲסִידִים: "אַז קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט וַואגְן צוּ קוּמֶען צוּ אִים - אַזוֹי וִוי מֶען פְלֶעגְט אַלֶע יָארְן קוּמֶען - קַיין זַאסְלַאב". אָבֶּער דֶער הֵייליגֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט גֶעוואוּסְט אַז בֶּאֱמֶת אִיז יָא דֶעם רֶבִּי'נְס ווילְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוו צוּ אַלֶע גֶעגְנְטֶער וואוּ עֶס הָאבְּן זִיךְ נָאר גֶעפִינֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ אוּן צוּגֶעשְׁטִיפְּט אַז מִיט דֶעם אַלֶעם זָאל מֶען יָא קוּמֶען קַיין זַאסְלַאב.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען אֶנָ"שׁ קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם עֶרֶב שָׁבוּעוֹת, וואוּ קֶען מֶען דַאוֶוענֶען אַ מַעֲרִיב מִיט אַ סְפִירַת הָעֹמֶר? הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע אַלֶע צוּגֶעאֵיילְט צוּ דַאוֶוענֶען אִין דֶעם שׁוּל וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען.

וִוי דֶער סֵדֶר פוּן בְּרֶסְלֶבֶע חֲסִידִים הָאבְּן זֵיי גֶעדַאוְונְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער הִתְעוֹרְרוּת אוּן אַ בְּרֶען בִּפְרָט בַּיי סְפִירַת הָעֹמֶר. וָואס אַ טָאג נֶענְטֶער צוּם יוֹם טוֹב זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען מֶער אוּן מֶער חֲסִידִים אוּן אַלֶע קוּמֶען שְׁרֵייעֶן צוּזַאמֶען בַּיים דַאוֶוענֶען.

דֶער שַׁמָּשׁ פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס הָאט אוֹיךְ בַּאדִינְט דָארְט דֶעם רֶבִּי'ן הָאט גָאר נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען חֲסִידִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן, הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט פַארְן רֶבִּי'ן אוֹיף דֶער אָנְקוּם פוּן דִי 'מְשֻׁגָּעִים' (אַזוֹי הָאט עֶר גֶעמֵיינְט!) וָואס שְׁרֵייעֶן אוּן מַאכְן בַּאנוּמֶענֶע קוֹלוֹת בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן זָאגְן אַזוֹי לַאנְג סְפִירָה אַז עֶר קֶען נִישְׁט פַארְשְׁפַּארְן דֶעם שׁוּל וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט. אָבֶּער וִוי אַ טָאג נֶענְטֶער זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוּן אִים הָאט דָאס זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, עֶר קוּמְט ווידֶער צוּ צוּם רֶבִּי'ן זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן אוֹיף דִי 'מְשֻׁגָּעִים', עֶס שְׁפִּילְט זִיךְ אִיבֶּער דָאס זֶעלְבֶּע, דֶער רֶבִּי עֶנְטְפֶערְט אִים גָארְנִישְׁט..

דִי חֲסִידִים הָאבּ טַאקֶע גָאר אַסַאךְ פַארְדִינְט מֶשֶׁךְ דֶעם הֵייליגְן יוֹם טוֹב וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְטְס מְגַלֶּה גֶעוֶוען תּוֹרָה ס"ז חֵלֶק א', אִינְטֶערְסַאנְטֶע עִנְיָנִים אוּן גְלוּיִים הָאבְּן זֵיי דֶעמָאלְטְס בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, שִׂיחוֹת אוּן סִפּוּרִים וָואס הָאט שַׁייכוּת צוּ דֶער תּוֹרָה, אוּן צוּ דִי רְפוּאָה פוּן

המשך
קומענדיגן עמוד

**המשך פון פאריגע עמוד**

די חֲשׁוּבֶע רֶעבֶּעצִין פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען נִישְׁט גֶעקוּמֶען וָואלְט מֶען אַסַאךְ שָׁאדְן גֶעהַאט, צוּ פַארְלִירְן אַזֶעלְכֶע הֶערְלִיכֶע מַאֲמָרִים. אוּן טַאקֶע וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף דִי מְנִיעוֹת הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט דָאס חֵשֶׁק אוּן דִי וֶועלְט הָאט בַּאקוּמֶען אַזֶעלְכֶע מַתָּנוֹת.

וֶוען דֶער דֶערְהוֹיבֶּענֶער יוֹם טוֹב אִיז אַרִיבֶּער, הָאט דֶער שַׁמָּשׁ גֶעזֶען ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז זֵייעֶר מְקַרֵב דִי אַלֶע אִידְן, הָאט עֶר שׁוֹין גוּט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס זֶענֶען חֲסִידִים פוּן רֶבִּי'ן, זֵיי זֶענֶען פוּנֶעם רֶבִּי'נְס לַייט, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט.

דָאס לֶעצְטֶע נַאכְט פַאר שָׁבוּעוֹת אִיז טַאקֶע אַ סְפֶּעצְיֶעלֶע סְפִירַת הָעֹמֶר בַּיי בְּרֶסְלֶבֶע חֲסִידִים מִיט בֶּענְקֶעניִשְׁן אוּן כִּסוּפִין. אִין דִי יָארְן נָאכְן רֶבִּי'נְס פְּטִירָה וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ פְלֶעגְן פָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב צוּ וַוייל אִינְאֵיינֶעם מִיט ר' נָתָן, פְלֶעגְן זֵיי קוּמֶען אֵיין טָאג בֶּעפָאר יוֹם טוֹב אַז מֶען זָאל טַאקֶע קֶענֶען זַיין דִי לֶעצְטֶע סְפִירָה נַאכְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פַּחַד ה' אִינֶעם גַאנְצְן שְׁטֶעטְל פוּן דִי קוֹלוֹת אוּן צְעָקוֹת פוּן סְפִירָה אוּן הֵיילִיגֶער הֲכָנָה צוּם חַג הַשָּׁבוּעוֹת.

ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַצַ"ל הָאט גֶעהֶערְט פוּן זְקֵנִים פוּן שְׁטָאט בְּרֶסְלַב וָואס הָאבְּן נָאךְ גֶעדֶענְקְט דֶעם גֶעוָואלְדִיגְן מַעֲמָד וֶוען זֵיי דְרִיקְן זִיךְ אוֹיס מִיט אָט דִי וֶוערְטֶער: "דָאס גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט פַּחַד ה', ס'אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹלוֹת אִין דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל" אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז דִי גֶעשֶׁעפְטְן אוּן גֶעוֶועלְבְּן פְלֶעגְן שׁוֹין נָאכְמִיטָאג זִיךְ פַארְמַאכְן צוּצוּגְרֵייטְן זִיךְ צוּ דֶעם מַעֲרִיב.

(שיש"ק)





# דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה:

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְווֵיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיב גֶעהַאט, בִּיז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶעבְּן אֵיינֶער אָן דֶעם צְווֵייטְן.

אֵיינְמָאל אִיז אֵיין אִינְגֶל גֶעוָוארְן קְרַאנְק ל"ע, אוּן זַיין חָבֵר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט. הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן מַיין חָבֵר זָאל וֶוערְן גֶעזוּנְט?", הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זָאג תְּהִלִּים"!

עֶר הָאט טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תְּהִלִּים מִיט תְּמִימוּת, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעך, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּן זַיין חָבֵר: "דוּ פִילְסְט שׁוֹין בֶּעסֶער?" אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן אַפָּאר מָאל.

וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: אַז דֶער חָבֵר אִיז נָאכְאַלְץ קְרַאנְק. הָאט עֶר ווִידֶער גֶעזָאגְט תְּהִלִּים, בִּיז דֶער חָבֵר הָאט גֶעהַאט אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה.

דָאס הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אוּנְז צוּ לֶערְנֶען דִי וֶועג פוּן דַאוֶוענֶען בִּתְמִימוּת. מִיר דַארְפְן דַאוֶוענֶען אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין בִּתְמִימוּת, אוּן גְלֵייבְּן אַז יֶעדֶע תְּפִלָּה אִיז מַמְתִּיק דִי דִּינִים, בִּיז אַלֶע דִּינִים וֶועלְן וֶוערְן נִמְתָּק בִּשְׁלֵמוּת.

(שיש"ק) מכתבי ר' נתן בר"י

בס"ד

# בָּרוּךְ שׁוֹמֵר הַבְטָחָתוֹ

## זִכְרוֹנוֹת פוּן ר' חַיִּים בֶּערְך רוּבִּינְזוֹן זַצַ"ל

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר אֵשׁ תָּמִיד תּוּקַד



### דְרִיטֶער קַאפִּיטְל



# לאמיר זיך פארהערן

# בחינה אויף ספורי מעשיות "הקדמה"



**"די וואך אין די הקדמה וועסטו בעז"ה טרעפן וואו רבי נתן רעדט דייער אסאך פון קבלת התורה!"**

**א. אויף וואס איז מרמז די בת מלך לויט ווי ר' נתן שרייבט אין די הקדמה?**
- ❑ די שכינה און כנסת ישראל
- ❑ תורה ומצות
- ❑ תפלה און תשובה

**ב. ווער נעמט ארויס די שכינה פון גלות?**
- ❑ נאר די גרויסע צדיקים
- ❑ נאר די תלמידי חכמים
- ❑ יעדער איד מיט זיין עבודת השי"ת

**ג. מיט וואס נעמט מען ארויס די שכינה פון גלות?**
- ❑ מיט סור מרע
- ❑ מיט עשה טוב
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וויאזוי איז דער סדר פון בעל דבר איבערצורעדן א מענטש?**
- ❑ ער נארט אים, צוביסלעך צוביסלעך ביז ער פאלט דורך
- ❑ ער רעדט אים גלייך איין צו טוהן קעגן רצון השם ח"ו
- ❑ ער צווינגט אים צו טוהן קעגן רצון ה'

**ה. וואס איז די עצה צו געראטעוועט ווערן פון דעם בע"ד?**
- ❑ נישט זיך צו טענה'ן מיט אים
- ❑ זיך פארנעמען די קאפ מיט תורה אדער משא ומתן אדער שיחת חברים
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וואס דארף מען זיין כדי צו מנצח זיין דעם בע"ד?**
- ❑ א גרויסע עושר
- ❑ א גרויסע וותרן
- ❑ אגרויסע עקשן אהן א שיעור

**ז. וואס געשעהט ווען מען איז זיך נישט מייאש און מען זוכט און מען זוכט?**
- ❑ אז די מניעות ווערן גרינגער
- ❑ אז די מניעות ווערן בטל
- ❑ אז די מניעות ווערן איבער געדרייט צו א הילף

**ח. וואס קען זיך יעדער איד ארויסנעמען פון די מעשה?**
- ❑ רמזים
- ❑ התעוררות נפלא
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס קען מען זיך לערנען פון די מעשה פון חכם ותם?**
- ❑ אז דער עיקר תכלית איז צו גיין בתמימות
- ❑ וואונדערליכע רמזים זיך צו שטארקן אין די וועגן פון תמימות
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. ווער קען זיך ארויס נעמען מוסר פון די מעשיות?** (הקדמה אויף אידיש)
- ❑ נאר גרויסע צדיקים
- ❑ נאר תלמידי חכמים
- ❑ אפי' פראסטע מענטשן

**יא. ווען האט דער רבי געזאגט היינט האב איך געזאגט דריי זאכן אנדערשט פון דער וועלט?** (עין חיי מוהר"ן אות כ"ה)
- ❑ פאר דער רבי האט געזאגט תורה ס'
- ❑ נאך דער רבי האט געזאגט תורה ס'
- ❑ נאך דער רבי האט געזאגט תורה רפ"ב

**יב. וואס איז די ערשטע זאך וואס דער רבי האט געזאגט אנדערש פון דער וועלט?** (עין חיי מוהר"ן כ"ה)
- ❑ די וועלט זאגט אז מעשיות העלפט איינשלאפן און איך זאג אז ס'וועקט אויף
- ❑ די וועלט זאגט אז מעשיות וועקט אויף און איך זאג אז ס'העלפט איינשלאפן
- ❑ די וועלט זאגט אז מעשיות העלפט איינשלאפן און איך זאג אז נישט

**יג. וואס איז די דריטע זאך וואס דער רבי האט געזאגט אנדערש פון דער וועלט?** (עין חיי מוהר"ן כ"ה)
- ❑ די וועלט זאגט אז א גרויסער אמת'ער צדיק דארף נישט האבן אסאך געלד און איך זאג אז ער דארף האבן כל הון דעלמא
- ❑ די וועלט זאגט אז א גרויסער אמת'ער צדיק דארף האבן אסאך געלד און איך זאג אז ער דארף האבן כל הון דעלמא
- ❑ די וועלט זאגט אז א גרויסער אמת'ער צדיק דארף האבן כל הון דעלמא און איך זאג אז ער דארף נישט האבן אסאך געלד

**ווייל די מעשיות האבן א גרויסן כח אויף צו וועקן אלע מענטשן פון דעם שלאף אז מ'זאל ח"ו נישט פארשלאפן זיינע יארן אומזיסט - מיט פיל הצלחה**


צו ענטפערן די בחינות און ארייננגיין אינעם גורל,

02-5-3333-72

646-518-1095

צו הערן דער געווינער דריק נומער 4

צו מנדב זיין פארן גליון
058-323-3287
L3233287@gmail.com


נתנדב לע"נ הרה"ח ר' מרדכי ב"ר מנחם הירש ע"ה.
לאה בת ר' אפרים פישל

## דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין וֶועט מֶען זִיכֶער גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה, אַשְׁרֵי לוֹ! אַזוֹי הָאבְּן מִיר פַארְשְׁטַאנֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס רֵייד.

עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אַסַאךְ גוּטֶע עֵצוֹת אִין רֶבִּי'נְס סְפָרִים וִויאַזוֹי נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער רוֹב מָאל זֶענֶען דִי עֵצוֹת אַלֵיין זֵייעֶר שְׁוֶוער מְקַיֵים צוּ זַיין, דֶערְפַאר אִיז דֶער עִיקָר דִי תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת צוּ רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וָואסֶערֶע דִּבּוּר עֶס קוּמְט נָאר אַרוֹיס, אֲפִילוּ אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר וַוייט וֶועל אִיךְ וַוייטֶער שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אִים, אוּן צוּם סוֹף וֶועט דֶער בַּאשֶׁעפֶער זִיכֶער עֶנְטְפֶערְן אוּן מִיר בְּרֶענְגֶען צוּם אֱמֶת בְּלִי סָפֵק,

אָבֶּער בְּרוּדֶער חֲזַק וֶאֱמַץ! אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן הָאף צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוֹיבּ חַס וְחָלִילָה דַיין תְּפִלָּה אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, חֲזוֹר וְקַוֵּה וְכֵן לְעוֹלָם - הָאף אוּן בֶּענְק נָאכְאַמָאל, בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַרָאפְּקוּקְן אוּן דִיר הֶעלְפְן.

דִי זַאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי דַארְף מֶען חֲזֶר'ן טוֹיזְנְטֶער מָאל זִיךְ צוּ הַאלְטְן פֶעלְזְן פֶעסְט, כִּי לֹא יִטֹּשׁ ה' אֶת עַמּוֹ וְנַחֲלָתוֹ לֹא יַעֲזוֹב! (מִתּוֹרָה ק"א תִּנְיָנָא)

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה פוּן דָאסְנֵיי, מִיט אַ חֵשֶׁק אוּן פְרִישְׁקֵייט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי שִׁעוּרִים אוּן לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה מִיט דִי עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, אַזוֹי אוֹיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט זָאגְן תְּהִלִּים אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְּאוּלָה הַשְּׁלֵמָה בבב"א.